איז פּעטרוס אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן דאַך, תּפֿלה צו
10 טון, אַרום דער זעקסטער שעה; און איז הונגעריק
געוואָרן, און געוואָלט (עפּעס) טועם זײַן; נאָר
בשעת מען האָט צוגעגרייט (דאָס עסן), איז געפֿאַלן
11 אויף אים אַן עקסטאַז; און ער האָט געזען דעם
הימל אויפֿגעמאַכט, און עפּעס אַ געפֿעס אַראָפּקומען,
ווי אַ גרויס לײַלעך, אָנגעבונדן אויף די פֿיר עקן,
12 און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד; אין וועלכן עס
האָבן זיך געפֿונען אַלע פֿירפֿיסיקע חיות און שרצים
13 פֿון דער ערד און פֿייגל פֿון הימל. און עס איז
געקומען אַ קול צו אים: שטיי אויף, פּעטרוס, שחט
14 און עס. פּעטרוס אָבער האָט געזאָגט: האַר, בשום
אופֿן נישט, ווײַל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געגעסן
15 וואָס איז טמא און טריפֿה. און ווידער איז אַ קול
געקומען צו אים צום צווייטן מאָל: וואָס ג־ט האָט
ריין געמאַכט, דאָס זאָלסטו נישט (רופֿן) טמא.
16 און דאָס איז געשען דרײַ מאָל; און גלײַך איז
דאָס געפֿעס אַרויפֿגענומען געוואָרן אין הימל אַרײַן.
17 און בשעת פּעטרוס האָט נישט געוואוסט וויאַזוי
זיך צו דערקלערן, וואָס עס קען זײַן די דערשײַנונג,
וועלכע ער האָט געזען, זע, די מענער, וואָס
זענען געשיקט געוואָרן פֿון קאָרנעליוסן, האָבנדיק זיך
נאָכגעפֿרעגט וועגן שמעונס הויז, זענען געשטאַנען
18 בײַם טויער, און האָבן גערופֿן און געפֿרעגט, צי
שמעון, וועמען מען רופֿט פּעטרוס, שטייט דאָ אײַן.
19 און בשעת פּעטרוס האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם
חזיון, האָט דער גייסט צו אים געזאָגט: זע, דרײַ
20 מענער זוכן דיך. נאָר שטיי אויף, גיי אַראָפּ, און
פֿאָר מיט זיי, צווייפֿל גאָרנישט; ווײַל איך האָב זיי
21 געשיקט. און פּעטרוס איז אַראָפּגעגאַנגען צו די
מענער, און האָט געזאָגט: אָט בין איך, וועמען